# יוסף אָפּאַטאָשו

## תּיקון חצות

ס׳איז געווען אַ רעגנדיקע נאַכט נאָך די ימים-נראים, אַ פֿינצטערע האַרבסט-נאַכט, וואָס מען זעט בלויז אין קליינע, פּוילישע שטעטלעך, ווען דאָס חשכות שטייט פֿאַר די אויגן, ווי ס׳וואָלט גערעגנט מיט שוואַרצן טינט. אין אַזאַ נאַכט האָט דער ברייט-בייניקער שׂמחה, אַ בעל-עגלה, זיך געדרייט אויפֿן געלעגער און נישט געקענט אײַנשלאָפֿן. אין דער גרויסער שטוב מיטן אַלקער און מיט דער קיך איז געווען פֿינצטער. די שטוב האָט געשמעקט מיט כּל-טובֿ. די וואַרעמע, געדיכטע לופֿט איז פֿול געווען מיט ריחות. ס׳האָט געשמעקט מיט געמאָלענע קאַווע, מיט געטריקנטע פֿלוימען, מיט מאַנדלען און טײטלען. פֿון אַלקער האָט זיך געטראָגן אַ כראָפּען. דאָרט זענען געשלאָפֿן שׂמחהס צוויי בנים – וואָלף און פֿישל.

מען האָט נאָר-וואָס געהאַט פֿאַרענדיקט די באַן-ליניע וואַרשע-בערלין. און אין ווולקע, צוויי ווייאָרסט פֿון מלאַווע, איז געווען די רוסיש-דײַטשע גרענעץ. מיט דער באַן האָט מלאַווע אויפֿגעלעבט. בעל-עגלות האָבן געפֿירט סחורות פֿון דער ראַמפּע אין שטאָט אַרײַן. דער פֿאַרמעגלעכסטער צווישן זיי איז געווען דער ברייט-בייניקער שׂמחה. ער מיט די צוויי זין, מיטן יונג וועלוול, וואָס האָט בײַ אים געדינט, זאַלבעפֿערט זענען זיי געפֿאָרן מיט די ״דראָנגאָווע״ וועגענער, האָבן אָנגעלאָדן וואַגאָנעס סחורה, פֿון דער סחורה האָט שׂמחה, און נישט אַזוי שׂמחה ווי די זין זײַנע, האָבן גענומען ״מעשׂר.״ און דער ״מעשׂר״ – אַ זאַק מאַנדלען, אַ זאַק קאַווע, אַ זאַק פֿלוימען – האָט מען אָפּגעלייגט בײַ שׂמחהן אין שטוב. און ס׳פֿאַרמעגן איז בײַ שׂמחהן געוואַקסן. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ שטוב מיט אַ שפּײַכלער, מיט אַ פֿערד-שטאַל, ווי ס׳זענען געשטאַנען זעקס פֿערד, ווי די לייבן. און די זין שׂמחהס, וואָס מען האָט געציטערט פֿאַר זיי בײַ דער ראַמפּע, האָבן זיך נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע אַרײַן.

און אין דער סאַמע גילדענער מיט, ווען די שטאָט האָט שׂמחהן מקנה געווען, איז בײַ אים געפֿאַלן ס׳בעסטע פֿערד, דער שימל מיט די ווײַסע לעטשלעך. און געפֿאַלן איז דער שימל נישט בײַ דער אַרבעט, נאָר אין שטאַל, ווי אַ שׂונא וואָלט עס אָפּגעסמט. און איידער שׂמחה האָט זיך אײַנגעהאַנדלט אַן אַנדער פֿערד, איז בײַ אים געפֿאַלן דער דרײַ-יאָריקער בולאַן, און אויך אין שטאַל. איצט איז שׂמחה זיכער געווען, אַז מען האָט אים ביידע פֿערד אָפּגעסמט, אַז וויפֿל בעל-עגלות בײַ דער ראַמפּע, אַזוי פֿיל שׂונאים האָט ער. און דאָס אַלץ איבער די בנים זײַנע, איבער די שלעגערס. און ווי דער פֿאָטער מיט די בנים מיטן יונג זענען געשטאַנען איבערן געפֿאַלענעם פֿערד, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

– הערט, חבֿרה, מען זאָל אונדז יעדע וואָך אָפּסמען אַ פֿערד, װעלן מיר בלײַבן מיט די בײַטשלעך. ווי לאַנג כ׳האָב קיינעם בײַ דער האַנט נישט געכאַפּט, מוז איך שווײַגן. נאָר פֿון הײַנט אָן דאַרף מען האַלטן אַן אויג אויף די פֿערד בײַ דער ראַמפּע, און דו, וועלוול, וועסט פֿון הײַנט אָן נעכטיקן אין שטאַל בײַ די פֿערד. ווי די צוויי פֿערד זענען געפֿאַלן, האָט אין שׂמחהן עפּעס זיך גענומען איבעראַנדערשן. ער איז געווען פֿון די פּאַרשוינען, וואָס וועלן זיך גיכער ברעכן, איידער בייגן. און שׂמחה האָט זיך נישט געבויגן. ער האָט אָנגעהאַלטן שטאַט ווי פֿריִער, געהאַלטן אין קויפֿן צוויי לאַסט-פֿערד, און גוטע.

אויפֿן גלעלגער אָבער, בײַ נאַכט, ווען ער האָט זיך געדרייט פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער, האָט אים שטאַרק געאַרט, וואָס גאָט האָט זיך אָנגעזעצט דווקא אויף אים. פֿאַר וואָס? אמת, שׂמחה איז געווען אַ פּראָסטער חי-וקים. ער האָט קוים געקענט דאַווענען. און דאָס אויך גיכער פֿון אויסנווייניק, ווי אין סידור. ווער אָבער שנדרט נאָך מיט אַזאַ ברייטער האַנט ווי שׂמחה? נישטאָ דער שבת ס׳זאָל בײַ זײַן טיש נישט זיצן אַן אורח, צי צוויי. און אַז דער רבֿ קומט נאָך אַ נדבֿה, איז אַ זילבערנער רובל די קלענסטע מתּנה.

טאָ פֿאַר וואָס שטראָפֿט אים גאָט?

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט און שׂמחה האָט נישט געקענט אײַנשלאָפֿן. ער האָט געקוקט אינעם חושך, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ שנאָרכן, ווי מען וואָלט ברעטער געזעגט. ווען שׂמחה וואָלט געקענט

די „שוואַרצע פּינטעלעך,“ וואָלט ער איצט אַראָפּ פֿון געלעגער, וואָלט אָנגעצונדן אַ ליכט און וואָלט אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿר.

ער האָט אָפּגעזיפֿצט און אין דער פֿינצטער זיך גענומען אָנטון, און אַז ער איז אַרײַן אין די שטיוול, האָט דער דיל אונטער אים זיך געקרעכצט.

– ווּ גייסטו, שׂמחה? האָט ס'ווײַב, וואָס איז געשלאָפֿן קעגניבער אין אַ בעט, אים געפֿרעגט.

– ס'טראָגט מיך פֿון געלעגער, חנה, – האָט שׂמחה געענטפֿערט. כ'גיי אַ קוק טון צו די פֿערד.

– און דו מיינסט, אַז איך האָב מיט אַן אויג צוגעטאָן?

שׂמחה האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט פֿעסטער פֿאַרצויגן דעם פּאַסיק אַרום די הויזן, גענומען די בײַטש און איז אַרויס אויפֿן הויף. אַ קאַלט רעגנדל האָט געקאַפּעט. דער הימל-חושך. שׂמחה איז אַרײַן אין פֿערד-שטאַל, ווּ אַ נאַפֿט-לאַמטערנע האָט געקאַפּטשעט. די פֿערד, וואָס זענען געלעגן, האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ, געקוקט אויפֿן בעל-הבית. שׂמחה האָט אַ גלעט געטאָן איין פֿערד, אַ צווייטס, אַ דריטס. װעלוול האָט זיך איבערגעדרייט אויפֿן בונט היי:

– ווער איז דאָרט?

– איך, װעלוול. איך. שלאָף, שלאָף!

שׂמחה איז אַרויס פֿון שטאַל. ער איז געציילט מיט דער בײַטש די „דראָנגאָװע“ װעגענער – איינס, צוויי, דרײַ. שפּאַנען וועט ער בלויז קענען צוויי װעגענער. פֿון פֿאַרדראָס האָט ער אויסגעשפּיגן. אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער בײַטש און איז אַרויס אויף דער גאַס. די פֿינצטערניש, און דערצו נאָך אַ נאַסע, האָט זיך געלייגט לעבן שׂמחהן, ווי אַ וואַנט. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך אײַנגעהערט ווי דער רעגן פֿאַלט מיט אַ טעמפּקייט און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַ פֿאַרשטיקט געוויין. ער איז אַרויס פֿון דער טעפּעד-גאַס און האָט זיך געלאָזט מיט דער פּלאַצקער צום מאַרק. דאָס געוויין איז געוואָרן

דײַטלעכער. אַ פֿלעמל האָט דורכגעשניטן ס׳פֿינצטערניש. ווּ לײַכט? זאָל עס זײַן בײַם רבֿ!

שׂמחה איז געשטאַנען בײַם הויז, ווּ דער רבֿ האָט געווױנט. פֿונעם בית-דין-שטוב, ווי אַ פֿלעמל האָט זיך געוויגט אין פֿענצטער, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געוויין. ווער וויינט? די רביצין? זאָל אַ קינד זײַן קראַנק? אפֿשר דאַרף מען עפּעס? שׂמחה, מיט דער בײַטש אין דער האַנט , האָט זיך גענומען הייכן איבער די פֿינצטערע טרעפּ. ערשט איצט, ווען ער איז געשטאַנען הינטער דער טיר פֿון דער בית-מדרש-שטוב, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער רבֿ וויינט. אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן לײַב – דער רבֿ וויינט. און מיטן רבֿ, מיט ר׳ וואָלף ליפּשיצן האָט געשמט האַלב פּוילן. אַ קלייניקייט – דער וואַרשעווער "וואָלף". דער עלטערער ברודער, רב משהלע, רבֿ אין לאָדז, דער ייִנגערער, רב וואָלף. רבֿ אין מלאַווע, און די שוועסטער, פּריווע, די קוטנער רביצין שׂמחה האָט אַן עפֿן געטאָן די בית-דין-שטוב און ס׳איז אים אַ שרעק באַפֿאַלן. דער מלאַווער רבֿ איז געזעסן אויפֿן דיל. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ליכט, אין דער צווייטער - אַ ספֿרל. און געזאָגט מיט אַ וויינענדיקן ניגון.

– וואָס איז, מלאַווער רבֿ? האָט דער בעל-עגלה אַ הייב געטאָן די בײַטש – דער מלאַווער רבֿ זיצט שיבֿעה? נאָך וועמען?

– ניין, שׂמחה, – האָט דער רבֿ באַרויִקט דעם בעל-עגלה. כ׳ריכט אָפּ חצות, כ׳ריכט אָפּ "תּיקון חצות."

– וואָס איז חצות? האָט שׂמחה אַ צעפּיר געטאָן מיט די הענט.

– ס׳בית-המקדש איז חרובֿ געוואָרן, די שכינה איז אין גלות. האָט דער רבֿ געזאָגט מיטן זעלבן וויינענדיקן ניגון, – דאַרפֿן ייִדן זאָגן קינות, דאַרפֿן וויינען און שרײַען.

– וויי, וויי איז מיר, – האָט שׂמחה זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פֿאַרן קאָפּ. ס׳בית המקדש איז חרובֿ געוואָרן! וויי איז מיר!

דער בעל-עגלה האָט זיך אַזוי געשריגן, ווי ער וואָלט זיך טאַקע איצט דערוווּסט אַז ס׳בית-המקדש איז חרובֿ געוואָרן. ער האָט זיך גענומען האַקן מיט די פֿויסטן אין קאָפּ אַרײַן. אַז דער מלאַווער רבֿ

ווײנט, וואָס שוױַגט שׂמחה בעל-עגלה? און ער האָט נישט געשוויגן. ער האָט גענומען שטויסן מיטן קאָפּ די וואַנט, אַזוי שטויסן. אַז דאָ און דאָרט האָט דער שטערן בײַ אים אָנגעהויבן בלוטיקן. דער רבֿ איז אַ דערשראָקענער אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם בעל-עגלה, אים גענומען באַרויִקן:

– שׂמחה, ווערסט דיר דאָך אַ מעשׂה אָנטון! האָסט דאָך זיך אין גאַנצן צעבלוטיקט! נו, זעץ דיך. זעץ דיך. דער רבֿ האָט אים אַוועקגעזעצט, אים גענומען ווישן מיט דער פֿאַטשיילע דעם צעבלוטיקטן שטערן און זיך עטלעכע מאָל איבערגעפֿרעגט:

– ווילסט אפֿשר אַ ביסל וואַסער?

– ניין, מלאַווער רבֿ, – האָט דער בעל-עגלה זיך געפֿילט אומבאַקוועם, וואָס דער רבֿ פּאָרעט זיך אַרום אים. – כ׳וויל נישט קיין וואַסער. וואָס כ׳וואָלט יאָ געטאָן, איז אַ טרונק בראָנפֿן – אַ טרונק בראָנפֿן וואָלט פֿאַרגאָסן די הוילקייט בײַם האַרץ.

– ווי קומט צו מיר בראָנפֿן?

האָט דער רבֿ זיך דערפֿילט שולדיק, וואָס ער האָט נישט קיין בראָנפֿן. און ווי דער רבֿ האָט גענומען עפֿענען איין שאַנק נאָך דער אַנדערער, איז שׂמחה בעל-עגלה אַרויס פֿון בית-דין-שטוב. ער האָט זיך לאַנג נישט געזוימט און איז קריקגעקומען מיט אַ שטאָף בראָנפֿן און אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי שפּאָרע גלעזלעך און געזאָגט:

– אַז מיר איז געווען הויל אונטערן האַרץ, וואָס ס׳בית-המקדש איז חרובֿ געוואָרן, איז דאָך אײַך, מלאַווער רבֿ, אַוודאי און אַוודאי. טאָ לאָמיר נעמען צו ביסלעך בראָנפֿן. און וויביידע האָבן אויסגעטרונקען, האָט שׂמחה אויפֿסנײַ אָנגעגאָסן. נאָכן דריטן גלעזל האָט דער מלאַווער רבֿ, שוין אַן אויפֿגערוימטער, מיט אַ לומדישן שמייכל אין די קלוגע אויגן, אַ שאַר געטאָן ס׳גלעזל פֿון זיך:

– גענוג, שׂמחה, גענוג.

– ווי גענוג, מלאַווער רבֿ, האָט דער בעל-עגלה שוין געהאַט אויסגעטרונקען ס׳פֿערטע גלעזל, ס׳פֿינפֿטע און ס׳זעקסטע – ווי גענוג, מלאַווער רבֿ, אַז ס׳שיטן זיך זיך פּורעניות אויף אונדז ייִדן... ס׳בית-המקדש איז חרובֿ... גאָט האָט אָנגעשיקט אַ קללה אויף מײַן הויז... אין צוויי וואָכן זענען בײַ מיר געפֿאַלן צוויי פֿערד, און די בעסטע... גאָט וויל מיך מאַכן פֿאַר אויס קאַפּעליוש-מאַכער... איז מיר שלעכט, מלאַווער רבֿ. האָט שׂמחה זיך אָנגעגאָסן די זיבעטע כּוס, ס׳ווילט זיך שרײַען און וויינען... ס׳בית-המקדש איז חרובֿ. שׂמחה בעל-עגלה איז געבליבן מיטן בײַטשל. אויס עושר, אויס מחותּן מיט גאָט...

– נו, נו, שׂמחה, – האָט דער רבֿ צוגעפֿירט דעם בעל-עגלה צו דער סאָפֿקע, וואָס איז געשטאַנען אין בית-דין-שטוב. – ווי וועסטו גיין אין אַזאַ רעגן אַהיים? שלאָף שוין דאָ איבער די נאַכט. נו, לייג זיך, לייג זיך... אַ גוטע נאַכט, שׂמחה! האָט דער רבֿ אויף אים אַרויפֿגעלייגט אַ פּאַלטן. אַ גוטע נאַכט! דער רבֿ איז געשטאַנען אַ ווײַל אין דער טיר. ס׳שטיקל ליכט אין איין האַנט, דעם ״זוהר חדש״ אין דער אַנדערער. און אַז שׂמחה האָט זיך אַ דריי געטאָן צו דער וואַנט, איז דער רבֿ אַרויס פֿון בית-דין-שטוב.

(1935)

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון איציק גאָלדענבערג, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved